יגיע כפיך כי תאכל
balboos
פרשת חקת תשע"א
June 28, '11

די הייִנטיגע וואך

צאת הכוכבים (72) נ.י.:
9:44

מיר מוטיגן צו כאפן א בליק דורכאויס די וואך אויף די דיסקוסיע בלעטער אנליין, אין הנאה האבן פון די לעבעדיגע אקטיוויטעטן און שמועסן איבער טעמעס וועלכע ווערן דערמאנט אינעם בעל-בית.

הויפט בלאט (די לינק צו איטליכע ארטיקל, ווערט אנגעגעבן אונטער יעדע ארטיקל באזונדער).

וואָרט פון די רעדאקציע

אזוי ווי פארגאנגענע יאר, וועט די בעל בית נישט ערשיינען אין די זומער וואכן.

מיר וועלן בלי"נ אויסנוצן די צייט דורך דעם זומער צו פארבעסערן און פארברייטערן די בעל בית גופא ווי אויך די וועב זייטל און נאך פארשידענע אספעקטן.

*

מיר זענען צופרידן צו מעלדן אז נאך פיל ארבעט איז די פארום סיסטעם גרייט פאר די ליינער וואס ווילען פירן לענגערע דיסקוסיעס, און פארלאנגען עס שוין א לענגערע צייט אין די קאמענטארן.

עס איז נאך נישט אינגאנצן פארטיג, אבער עס איז שוין נוצבאר. מיר עפענען עס שוין יעצט פאר'ן פובליקום, כדי צו געבן א שטיקל ערזאץ במשך דעם זומער אנשטאט די רעגולערע בעל בית אויסגאבעס.

מיר האבן אויך צוגעשטעלט א הערליכע מאביל פארמאט מיט אלע פונקציעס, פאר קלענערע סקרינס. די מאביל ווערסיע ערשיינט אויטאמאטיש ווען מען באזוכט פון א מאביל דעוויס.

אט איז די אדרעס

http://www.balboos.com/forum

*

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען, אונזער איינציגע וועג אנצוהאלטן ווייטער די בעל בית אויף א בחנם'דיגע פארמאט, איז געוואנדן אין די מספר פון סובסקרייבער, נאר ווען עס איז דא א גאר גרויסע ליינער קרייז איז שייך אנצוגיין בלויז פון אדווערטייזמענטס.

מיר בעטן פון אייך בלויז איין זאך, ביטע פארשפרייט די בעל בית בכל אופן האפשרי! דערציילט דערוועגן אייערע באקאנטע און פריינט, מוטיגט זיי זיך צו סובסקרייבן, זיי וועלן אייך זיכער דאנקבאר זיין. און אזוי וועט איר אי"ה קענען ווייטער געניסן דערפון בחנם.

אויב איר זענט וויליג צו מפרסם זיין די בעל בית דורך הענגען צעטליך אין אייער ביהמ"ד, געשעפט אדער אנדערע פלעצער, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל.

אזוי אויך, אויב האט איר אין באזיס ליסטעס פון אימעיל אדרעסן פון היימישע אידן וואס קענען הנאה האבן פונעם בעל בית, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז. איבעריג צו זאגן אז מיר פארמאגן א זייער שטרענגע "נישט ספעמען" פאליסי. און מיר געבן נישט ארויס די אדרעסן פאר קיינעם.

*

מיר וועלן דורכן זומער אויך ארייננקוקען אין די מעגליכקייט פון ארטיקלען און קאלומס געשריבן דורך ליינער. אויב איר ווילט שרייבן וועגן סיי וואספארא נושא, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל. ומתן שכרה בצדה.

***

גוטע געלעגנהייט

די בעל בית איז אינטערעסירט אין א טויגליכן מענטש מיט גוטע קאמיוניקעשאן סקילס אנצופירן די אדווערטייזונג אפטיילונג. קענטעניס און אנדערע אספעקטן קען זיין א פלאס.

גוטע געלעגנהייט פארן פאסיגן פערזאן.

שיקט אייערע אינפארמאציע, קענטעניסן, עקספיריענס צו

jobs@balboos.com

נאר ערענסט פאראינטערעסירטע.

דיסקוסירט אנליין

ABC
check printing
new number
Tel: 718-880-5594
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

דעת בעל-בית

ארבייטן אין די קאנטרי

חשובער חברים.

איך בין א שטענדיגע ליינער פון בעל בית און איך בין אלץ נהנה פון די ליינערס.

איך וואלט געוואלט פרעגן וועגן ארבעטן אין קאנטרי. איך וועל אי"ה זיין דארט די ערשטע יאר, איך ארבעט מיט א אנליין ביזנעס, און איך בין נאך נישט באשלאסן צו איך זאל בלייבן אין די קאנטרי ארבעטן דורכאויס די וואך. אדער ארייננקומען אין שטאט.

די פראגע איז צו האט איר שוין פרובירט דאס צו טון? אינטערנעט מיין איך איז נישטא קיין דזשעינעט דארט, וואס זענען די אפשענס? קען מען מאכן בלויז אויף צוויי חדשים? (אין שטאט פארלאנגען זיי א קאנטראקט אויף א יאר). וועלכע קאמפאני איז גוט דארט?

זענען די ווייערלעס יו עס בי וואס מען פארדינגט גענוג גוט צו ארבעטן דערויף א גאנצן טאג? (מענטשן זאגן אז דארט איז דא גוטע רעספשאן).

איז שייך אפילו צו ארבעטן אין באנגעלאו מיט א ישוב הדעת? (איך וועל זיין אין א פארמאכטע שטוב, אבער דאך). ביטע טיילט מיט אויב איר האט עקספיריענס דערוועגן.

א דאנק פון פאראויס

י. י. ב.פ.

סיסטעם פאר דיסטריביוטערס

אפשר ווייסט איינער ווי מ' קען באקומען פאר נישט צו טייער א מאשין און סאפטווער, וואס אסאך דיסטריביוטערס ניצען אנשטאט א סעילס בוך,ס'פרינט ארויס אינוואסעס און ס' האלט טרעק פון די אינוואטארי

שמואל

ביטע פארבינדט דיך מיט מיר דורך אימעיל

biggpenn@gmail.com

איך וועל דיך אי"ה קענען העלפן.

(-)

איז גוט אויסצולעשן דעם קאמפיוטער ווען מען גייט אוועק

איז אויסלעשן א קאמפיוטער ווען מען גייט אוועק, גיט פארן קאמפיוטער? און וואס טוט זיך מיט לאקן די קאמפיוטער?

זרח

די אישו פון יא אדער נישט אויסלעשן דעם קאמפיוטער איז שוין גאר אן אלטע; און עס זענען פאראן מיערערע שיטות, אלעס מיט זייערע מעלות און חסרונות.

די מעלות פון יא אויסלעשן יעדע נאכט, עס שפארט אייך די עלעקטעריק, אלע חלקים פונעם קאמפיוטער ווערן "רעטשארדזשד", וכו', אבער מצד שני זענען דא וואס זאגן אז צופיל ON און OFF טוט לייגן שטארקע דרוק אויפן קאמפיוטער, בקיצור עס איז נישט פאראן קיין קלארער תירוץ עד היום.

אונטערשטע זורה, אני הק' פיר זיך, און אזוי רעקאמענדיר איך פאר אנדערע, צו נעמען דעם מיטל וועג, איך פארלעש נישט יעדע נאכט, אבער לכה"פ איין מאל א וואך (געווענליך אויף שב"ק) איז רעקאמענדירט.

שמעלקא

איינשטימינג מיט שמעלקא, אויף דער וויעקענד לעשט מען אויס.

מנחם

רעדאקציע: מיר ווילן אנמערקן אויף נאך עטליכע אינטערעסאנטע שמועסן וואס זענען פארגעקומען אנליין, נאר מיר קענען נישט אלעס אראפברענגען.

אט זענען עטליכע לינקס.

זאגט אייער מיינונג: וועלכע טאג אין די וואך זאל די בעל בית ארויסקומען

balboos.com/content/?p=2308

רעאקציעס: איבער ארטיקל "ארבעטן במשנתו של ר' אביגדור מילער ז"ל

balboos.com/content/?p=2303

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוון צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא

וועט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.

ספעציעל אויסגעארבעט פאר'ן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.

רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.

balboos
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטאל

טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
718-775-3018
or mail to: mail@balboos.com

Introductory rate sheet

פעליעטאן

איי איי די קאנטרי...

צדוק ווערנער

אין בית המדרש, אין מקוה, אויפ'ן גאס, ביי דער ארבעט, אלעס דרייט זיך ארום דעם צויבערווארט 'קאנטרי'. "גייסט אין קאנטרי"? "ווען גייסטו אין קאנטרי?" "וואו גייסטו אין קאנטרי?" "וויאזוי גייסטו אין קאנטרי"? ס'הימל און ערד און קאנטרי.

און מיט רעכט. בעוודע ברויך א יודישע משפחה זיין אין קאנטרי, די לופט איז גוט פאר די קינדערלעך, די פלוישערייען זענען גוט פאר די בני בית, ס'שאלה איז נאר וויאזוי אידענטיפיצירט מען וואס א קאנטרי איז. אין אנדערע ווערטער וואס דארף א 'קאנטרי' מיט זיך פארשטעלן, בכדי אריינצוגיין בגדר 'קאנטרי' און עס זאל חל זיין אויף דעם א שם וואקעישאן.

כדי לשבר את האוזן, העלן מיר אייך פרעגן, טאמער וועט ראובן נודר הנאה זיין פון א 'קאנטרי', וועט ער מעגן פארן אויפ'ן רוט סעווענטין העכער עקזיט 130? אדער אפשר ברויך ער זיך אפשטעלן תיכף נאכ'ן ג'ורג' וואשינגטאן בריזדש?, אדער גאר פונקט אינדערמיט, אזוי באלד ווי מען גייט אריין אין ניו ג'ערס'ס טעריטאריע?

בכדי נישט צו באלמוטשען דעם פארמאטערטן, נערוועזן, פאריאגטן און סענסיטיווען ארבייטער וואס קומט זיך אהער דא אביסל צו לופטערן, העלן מיר נישט אריינגיין אין קיין אריכות בהלכה, מיר וועלן אייך נאר מיטיילן בנוגע אונזער החלטה והנהגה למעשה.

ובכן, שוין עטליכע יאר וואס מיר זענען ביי די מיינונג - און מיר טועהן אזוי להלכה ולמעשה - אז מען קען האבן א קאנטרי אפילו אין הארץ פין 718 עריע-קאוד, און ווען מיר רעדן פין 'קאנטרי' מיינען מיר אזא וואס ווייניג באנגעלוי קאלאניס קענען זיך פארמעסטן מיט אירע מעלות.

לייגט צו קאפ:

איך האב א צווי בעדרום באנגעלוי אויף א מעין סטריט מיט פלענטיביימער, אין א פריטי גוד קאנדישאן, וואלקינג דיסטענס צו א גראסערי, ביהמ"ד, מקוה, פארמאסי, קלינערס, דריי גוד, הארדוועך און נאך...

אמת, מיין באנגעלוי וואלט געקענט יוזען א גוטע רענאוועישאן, פאררעכטן די ווינדאוס, ארויפלייגן פרישע סקרינס, פאררעכטן די ביהכ"ס, טוישן די לייט באלבס, אבער ווייסטער, קאנטרי אונערס - ובפרט ביים היימישן עולם - גלייכן נישט צו טוהן די זאכן, ובכן, האב איך מיר שוין צוגעוואוינט צו די געשיילטע פעינט, אויסגעברענטע באלבס, מייזעלעך פון צייט צו צייט, עס רעגנט אריין ביי יעדן דריטן רעגן, אבער ביג דיל קאנטרי איז נישט מער פין אכט וואכן.

יא! כ'האב פארגעסן, די טויזנטער מאסקיטאס וואס ווידמען זיך דא ווי ביים טאטן אין ווייגארטן, געבן אויך א סאך צו, צו די קאנטרי אטמאספערע.

ועל כולם איז עס נאך א געוואלדיגע מציאה, איך צאל נישט מער פין $1700 א חודש (3200 א זומער) פאר מיין באנגעלוי, (לעקטער, געז, און וואסער, רוימען די פארצימער, אנגרייטן די גארבעדזש פאר די סאניטאציע וכו' זענען נישט אינקלאדעד) איך אליין בין אויך אין קאנטרי א גאנצע וואך, די נאנטקייט צו מיין ארבעט פלאץ ערלויבט מיר טעגליך צו פארן און קומען פין דער ארבעט.

די בני בית קען דא רוהיגערהייט זיצן אונטער'ן בוים און צוקוקן מיט הנאה ווי די קינדערלעך שפילן זיך אויף די פרישע לופט, די קינדער קענען פרייליכערהייט ארומטאנצן און נאכפארן מיט די בייקס די קעצלעך וואס באוויזן זיך אויפ'ן גאס פון צייט צו צייט, און צומאל טרעפט מען נאך א שיקזאל געשלאגענער, איינער וואס איז נעבעך נישט אזוי איי איי איי, און מען הייטערט זיך מיט עמען אויך אונטער ביז אן ערוואקסענער קומט אן און צושפרייט די לוסטיגע יונגווארג מיט א געשריי "גיי צו דיין מאמע"!

און ווי פארשטענדליך פארמאגן מיר די עיקר מעלה פין קאנטרי, נעמליך דער עולם דא ביי אונז איז במתי מספר א רעלאטיוו קליינער ציבור און פארגלייך צום עולם וועלכער וואינט אין שטאט במשך דעם יאר, און דעריבער קען מען זיך ערלויבן צו האבן אביסל ווינגער 'פיער פרעשור' די קינדער מעגן קיין אנגעטוהן נישט אזוי פערפעקט, די נאכטמאל מוז נישט זיין אזוי איי איי איי, סוף כל סוף איז מען דאך אין קאנטרי...

אמת, אין אמעריקע זאגט מען 'יו געט וואט יו פעי פאר', אזא מציאה קומט אויך מיט געוויסע באגרעניצונגען, ווי למשל: בארביקיו קען מען מאכן נאר אויפן פארטש, שפילן באל קען מען נאר אין פארק, זיך אוסשטערקן קען מען ביי זיך אין דיינונג רום ווער עס האט א קאוטש, ווי איך קען דא מען נישט אהערברענגען א פאראשוטיסט אראפצוטאנצן צוליב די געדעכטע באגעלוי רייען וואס זענען באהאפטן איינער צום צווייטן, און די עקסטערעס שמאלע פאסן וועלכע לויפן דורך זיי ערמעגליכן נישט קיין סעיף לענדינג.

אבער מאכנדיג דעם סך הכל קומט אויס אז צוליב די מינדערוויכטיגע זאכן וואס איך פארקוק, שפאר איך זיך אן ערך פין אכט ביז צעהן טויזנט דאללער יערליך, נו זאגט איר באמת, צו לוינט זיך עס נישט?

דיסקוסירט אנליין

מיד ביי די ארבעט?
שלאגט אפ מאטערניש און מידקייט, שעפט אייך אן מיט פרישע נאטורליכע כוחות. Zahler® B12 Energizer+™ וועט אייך העלפן אריין בלאזן ענערגיע אינעם קערפער פונדאסני. א שאד זיך צו מוטשען, גיבט אריין א חיות אין א איד!
advanced nutrition by ZAHLER
Feel Better, Everyday
ZAHLER B12 Energizer+ Advanced B12 Formula Potent Energy Booster
5000 mcg
NATURAL CHERRY FLAVOR
NATURAL BERRY FLAVOR
PICK ME UP
120 LOZENGES

בית הבתים קומט אראפ צו אייך אין אפיס.
פיקט אויף די תפלין צו בודק זיין.
און ברענגט עס צוריק נאך די זעלבע טאג!
דוב זיידה - סופר סת"ם
718.399.2753
בס"ד
בית הבתים

דיסקוסירט אנליין

עצה טובה

אין גימעיל, ווען מען ריפלייט אויף א מעסעדזש און מען וויל נישט אז די גאנצע מעסעדזש זאל מיטגיין איז דא א אפשאן ביי מעיל סעטינגס > לעבס וואס הייסט Quote selected text. אקטיווירט עס און סעיוו.

דערנאך קען מען סעלעקטן די טעקסט וואס מען וויל ריפלייען, און מען דריקט רעפליי, דאן וועט בלויז די טעקסט ערשיינען אין די אימעיל.

צרח

דאס געיעג
צו מצליח זיין
קליקט דא

ביזנעס מיט חכמה

פארוואס זאלט איר ריזיקירן?

דורך: יואל קליין | איממידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

אין יעדע מענטש'ס לעבן זענען דא פילע צייטן וואס פארלאנגען פון אים אז ער זאל נעמען ריזיקעס. נישט אלעמאל איז ער אבער גרייט דערפאר ווייל אפטמאל זעהט עס אויס צו שווער אדער ער האט מורא אז ער וועט דורכפאלן. אבער, ריזיקעס האבן גרויסע מעלות:

- ריזיקעס געבן אייך א געלעגנהייט צו עפענען אייערע טאלאנטן, אינטערעסן, מעגליכקייטן, און חלומות
- ריזיקעס לערנען אייך אויס ווי צו שטעלן קלארע צילן און זיי אויספירן
- ריזיקעס ערלויבן אייך צו שפירן פרא-אקטיוו
- ריזיקעס עפענען אייך אויף צו אנטפלעקן נייע וועלטן און איינצונעמען אייערע פחדים

ווען עס קומט צו נעמען ריזיקעס, זענען פאראן צוויי עקסטרעמען. עס זענען דא מענטשן וואס האבן מורא זיך צו איינשטעלן אפילו אויף א מינדעסטע ריזיקע. דאס ברענגט צו אז זייער לעבן זאל זיין טריקן און לאנגווייליג. נאכדעם זענען דא אנדערע וואס נעמען ריזיקעס גרינגערהייט, גלייבענדיג אז זייער שטארקער רצון געבט זיי קוראזש. אבער צו נעמען א גרויסער ריזיקע איידער מען טראכט דאס גוט אדורך איז נאריש, און אזעלכע מענטשן האלטן אין איין צאמקלויבן די שטיקלעך פון זייערע צובראכענע חלומות.

עס איז נישט פארהאן א רעצעפט צו פארזיכערן אז אייערע ריזיקעס וועלן זיך אלעמאל אויסארבעטן, אבער פאלגענדע זענען עטליכע אנווייזונגען וואס וועלן אייך בעז"ה העלפן געדענקען ווי אזוי צוצוגיין צו ריזיקעס אין ביזנעס און אין אייער לעבן:

- טראכט גוט אדורך א ריזיקע איידער איר נעמט זיך עס אונטער.
- פלאנירט דאס אויס מיט א פעדער און א פאפיר, און טראכט אריין צו וואס עס קען אייך צוברענגען.
- טרעפט דער ריכטיגער צייט דערפאר. אמאל דארף מעןווארטן פאר א שפעטערע צייט ווען דער פראיעקט קען האבן א שטערקערע הצלחה.
- קוקט אויף וואס קען פאסירן 'אין ערגסטן פאל.' וואס איז דאס ערגסטע זאך וואס קען געשעהן? זענט איר גרייט דערפאר, און ווי אזוי וועט איר דאס באהאנדלען?
- זעהט וואס וועט פאסירן אויב נעמט איר זיך נישט אונטער. איר וועט מעגליך באשיצן אייער באקוועמליכקייט און סטאביליטעט, אבער עס וועט אייך אפשר אפקאסטן אייער געזונט, קשרים, צופרידנהייט, און דעם גוטן געפיל פון אויפטוהן.
- נעמט זיך נאר אונטער אויב איר ווייסט אז איר וועט דאס קענען אדורכטראגן און נישט צאמפאלן איידער איר קומט צו צום ציל.
- לאזט נישט פריערע טעותים אייך אפהאלטן. יעצט האט איר א נייער שאנס!
- זוכט נישט קיין תירוצים.
- זייט קלאר מיט וואס איר ווילט דא אויפטוהן, און וואס קען ארויסקומען דערפון.
- לעצטנס, אבער גאר וויכטיג: וואס זאגט אייער אינסטינקט? שפירט איר אז דאס איז א ריכטיגער שריט פאר אייך?

סיי אויב איר זענט מצליח צום סוף אדער נישט, געדענקט אז ווען איר נעמט ריזיקעס טוהט איר זיך אויסשטערקן ווייטער און דאס געבט אייך דעם קאנפידענץ צו פרובירן נאכאמאל. און זייט וויסן אז ווען איר וועט שפעטער צוריקקוקן, וועט איר נישט אזוי שטארק חרטה האבן אויף דאס וואס איר האט יא געטוהן ווי אויף דאס וואס איר האט נישט געטוהן!

יואל קליין איז א באריִמטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספיריענס.

דיסקוסירט אנליין

Job In.
Worry Out.
Step into Brooklyn's coolest, user-friendly digital full service printing house, and get your job done the right way — the PrintOut way.
Printout
Print technology in action
829 BEDFORD AVE
BROOKLYN, NY 11205
718.855.4040
jobs@printoutcopy.com

ג
קופת צדקה - לעניי עירך
לעשטשות הנצרכים
קרן עזר
PROVIDING THE MEANS FROM BEHIND THE SCENE

קען מען שפארן אין קאנטרי?

פון א סעריע ארטיקלען איבער זומער הוצאות צוגעשטעלט דורך

מיר וועלן דא אויסשמועסן עטליכע פרטים, וואס אפילו עס איז נוגע א גאנץ יאר אויך, איז די סדר פון מענטשן מער נאכצולאזן אין קאנטרי פון די גאנץ יעריגע פארזיכטיגקייט.

קליידונג

א פרישע הוצאה וואס קומט אויף פאר'ן זומער, איז: קליידונג.

ביז לעצטנס פלעגט מען זומער אין די קאנטריס נוצן פשוט'ע שטוב קליידער, און מען האט בלויז מיטגענומען דאס וואס מען האט אינדערהיים. ס'איז קיינעם אפילו נישט איינגעפאלן זיך "אויסצושטאפירן לכבוד די קאנטרי".

לעצטנס האט זיך דאס אויך געטוישט, און גאנץ אפט לאזן זיך די פרויען ארויס איינצוקויפן קליידער, ווייל זיי ווילן געפעלן די זומערדיגע שכנים, און זיין אנגעטאן "בעסער"... דאס זעלבע איז אויך ביי קליידונג פון די קינדער, מ'וויל זיי אנטאן "אנשטענדיג"...

ס'איז אבער נישטא מיט וואס זיי מקנא צו זיין... איר דארפט בכלל נישט קעמפן מיט אייער יצר הרע אויף דעם... ווייל איר ווייסט באמת נישט וואס עס טוט זיך ביי יענעם אינדערהיים, און איר קענט זיך נישט פארשטעלן וויפיל "בעסערע" מענטשן שטעלן אָן א פנים אויף די גאס, אבער שטילערהייט איז ביי זיי דער מצב פיל "ערגער" פון אייך! און ווי ווייט זיי זענען נעבעך "אומ-אנשטענדיג" צו זייערע בעלי חובות!

דעריבער זאלט איר זיך אוודאי צוריקהאלטן פון קויפן ספעציעלע "קאנטרי" אדער "זומער" קליידער, אין א צייט ווען איר קענט זיך באגענוגען מיט די געוועגליכע שטוב-קליידער!

מסקנה

א קלוגער איד כאפט נישט קיין התפעלות פון אנדערע וועלכע לויפן ארום איינקויפן נייע קליידער מיט געבארגטע געלטער... אדרבה, אויב ווילט איר זיך שפירן "אנשטענדיג", טראכט אביסל קלוגער. ענדערש קויפט נישט איין "יעצט" קיין אומוויכטיגע קליידונג, און לייגט אוועק דאס געלט פאר וויכטיגערע געלעגנהייט, צב"ש אויסשטאפירן די קינדער פאר סוכות, פאר שמחה, צאלן שכר לימוד, אוועקלייגן פאר חתונה-מאכן א.א.וו.!

טראנספארטאציע

"קאנטרי טראנספארטאציע" איז אויך א גרויסע הוצאה, וואס איז א "מוז", און אויבנאויף איז נישטא וואס צו טאן דאס צו פארמיידן.

אבער, אז מען געוואוינט זיך איין צו לעבן אויסגערעכנט מיט א חשבון, און מען לייגט צו אביסל מחשבה וויאזוי צו שפארן געלט, קען מען גאנץ לייכט איינציען די קאסטן פון טראנספארטאציע אפילו צו די העלפט!

צום ביישפיל: עטליכע שכנים קענען זיך צוזאמנעמען, און ארויסשיקן אינאיינעם זייערע געפעק; מען נעמט א גרעסערע "טראק" אדער א "באס" פאר מערערע משפחות צו פארן אינאיינעם; מען נוצט במשך די זומער חדשים די פובליק טראנספארטאציע, א.א.וו..

דער פראבלעם איז נאר, אז מען לייגט נישט קיין געוויכט דערויף, און דערפאר קאסט אפ די טראנספארטאציע זעלבסט שווערע הונדערטער דאלארן, אדער נאך מער. בפרט די וועלכע פארן אריין און ארויס גאנץ זומער, און מען נארט זיך אליין אז עס איז באקוועמער צו דינגען אדער קויפן אן אייגענע קאר און זיין א "מענטש" פאר זיך, בשעת ווען נאך עטליכע חדשים דערזעט מען זיך מיט ערנסטע הוצאות, מארטגעדזש, אינשורענס, גאזאלין - וואס איז, אגב, לעצטנס גאר שטארק געשטיגן - חוץ אלע שאר ירקות וואס עס שלעפט אריין אזוי בדרך אגב, ווי רעגיסטראציע, א קאר סיט, פאררעכטן פראבלעמען, אן אויל טשעינדזש, א.א.וו., וואס קאסטן אפ פילפאכיג מער ווי נעמען יעדעס מאל עקסטער די פאבליק טראנספארטאציע, אדער זוכן א 'היטש' מיט א חבר, וכדומה.

שוין אפגערעדט פון דעם, וואס פרישע יונגעלייט דינגען זיך קארס ארויסצופארן אויף א שבת, וואס אט די קליינע הוצאות קענען דערנאך צוברענגען צו אנדערע, מען לערנט זיך אויס צו דינגען א קאר..., מ'נוצט א קרעדיט קארד... מ'הייבט אן צו שפירן דעם (ביטערן...) טעם, און די חובות הייבן זיך אן צו זאמלען אזוי אומבאמערקט.

מסקנה

מיט אביסל מחשבה קענט איר איינשפארן הונדערטער דאלער פון טראנספארטאציע, יעדן זומער באזונדער, און אייער לעבן וועט אי"ה 'פארן' אסאך גרינגער...!

שאפינג

איינע פון די גרעסטע פראבלעמען און געלט פארשוועדענישן איז "גיין שאפינג".

ס'איז אינטערעסאנט. עס הייבט זיך עס אן מיט זוכן מציאות פאר "ביליג", און עס ענדיגט זיך מיט גאר "טייער"... שוין אפגערעדט אויב מען גייט אומוויכטיג שאפינג און מ'באנוצט זיך מיט'ן "קרעדיט קארד" א.ד.ג. ווי מ'שפירט נישט אז מ'האט אויסגעגעבן געלט פון טאש, וואס דאס איז א חורבן נורא (און עס פארלאנגט א באזונדערע קונטרס, ועוד חזון למועד אי"ה).

וויבאלד עס איז אזוי שטארק איינגעגעסן, און פאר פילע מענטשן איז אפילו שווער צו פארשטיין וואס ס'איז שלעכט דערמיט, דעריבער מוזן מיר עס אביסל ברייטער ארויסברענגען, כדי מען זאל זיך כאפן וואספארא אויגנפארבלענדעניש עס איז, און ווי טייער עס איז.

איר דארפט געדענקען, אז די סוחרים פארשטייען גאר גוט צו זייער ארבעט. זיי ווייסן אז אין די זומער טעג פילן זיך די פרויען אביסל לאנגווייליג, און בכלל לעבט מען מער אינאיינעם און מען "האלט מיט" ווען די שכנ'טע גייט שאפינג... קומען זיי דעריבער ארויס מיט גרויסע טראקס כדי "מזכה צו זיין דעם עולם" מיט שפאט ביליגע מציאות...

פארוואס דען נישט? צייט האט מען איבריג, און ווען 2-3 פרויען גייען קויפן, ווערט א "ווינט" אין די קאנטרי: "מען גייט שאפינג"...! דערנאך קומט מען צוריק און יעדער ווייזט פאר די אנדערע וואס מ'האט געטראפן... און אויב איינע האט גארנישט געטראפן, רעדט זי זיך איין אז זי איז "נעבעך ארויסגעפאלן"...! אבער זי כאפט זיך נישט אז זי האט זיך איינגעהאנדלט "מנוחה", "שלום בית", "געזונט", א.א.וו., און עס האט איר ב"ה גארנישט געקאסט...

נאך א שטארקע נקודה: ווען מען זיצט אויף די גראז נעבן באנגעלאו, פילט מען אפילו נישט אז עפעס פעלט. מען איז גליקליך און צופרידן, און מען דארף בכלל נישט אזויפיל זאכן. גאר אנדערש איז אבער ווען מען דרייט זיך ארום צווישן די פאליצעס אין א גרויסע דעפארטמענט סטאר, פלוצלינג דערמאנט מען זיך אז דאס האט מען שוין לאנג ארומגעזוכט, יענץ איז פונקט צו באקומען 'יעצט' פאר שפאט ביליג, אזא סעט קען גוט צוניץ קומען פאר א שמחה, א.א.וו.

אמת, דאס ארומגיין שאפינג איז א געשמאקע זאך און אויך א גוטע צייט-טרייבערי, מען שפאצירט ארום, מען קוקט זיך אום, א.א.וו.. אבער געדענקט: די הנאה האט א גרויסן פרייז, עס קאסט אפ אזויפיל געלט, אז ס'איז פשוט נישט ווערד די גאנצע הנאה פון גיין שאפינג!

באזונדער דארף מען זיך אפשטעלן און שרייבן איבער די לאנגע פרייטאגס און זונטאגס, ווען די מענער קומען ארויס אין קאנטרי. אנשטאט דער יונגערמאן זאל האבן אביסל צייט און מנוחה, זיך ארויסצוזעצן צווישן די ביימער און געשמאק פארברענגען, ארייננקוקן אין א אידיש ספר, אויסהערן די ווייב און קינדער, כאפן א דרימל, א.א.וו., לאזט מען זיך אנשטאט ארויס "שאפינג".

מיר רעדן שוין נישט וויאזוי מען קוקט דערויף פון א תורה'דיגן שטאנדפונקט, וואס דער עיקר פון די קאנטרי איז דאך צוליב די "שמירת עינים" און אפגעהיטנקייט, און אויסצונוצן די פרייע צייט פאר תורה און מצוות. און דא לאזט מען זיך ארויס אין אלע גוי'אישע פלעצער און שאפינג מאללס, און מען נעמט נאך מיט די קינדער אויך, וואס דאס איז ווייט נישט קיין "סגולה אויף יראת שמים" און פאר "ערליכע קינדער".

נאר אפילו אין פראקטישן גשמיות'דיגן לעבן, איז דען נישט דער זומער אלעמאל באטראכט געווארן אלס די פאסיגסטע צייט ווען עלטערן זאלן מער פארברענגען מיט די קינדער? אויב ארבעט מען אזוי שווער א גאנצע וואך, אפגעזונדערט פון די ווייב און קינדער, און מען קומט שוין ענדליך ארויס צו די משפחה, איז עס נישט נאטורליך צו געבן אן אטעם אפ, און זיך ארויסזעצן מיט זיי אונטער די שאטן פון די ביימער? לערנען א גרינגן לימוד, פארציילן א שיינע מעשה, אויסהערן זייערע חכמה'לעך, און אפילו שפילן א געים, א.א.וו.

אדרבה, אין אט די טעג, איז די בעסטע געלעגנהייט צו ווערן נאנט מיט די קינדער (וואס איז - ווי באקאנט - איבערהויפט וויכטיג אין די היינטיגע צייטן), און עס איז די ביליגסטע און בא'טעמ'טסטע הנאה צו פארברענגען מיט די קינדער, ברוחניות ובגשמיות. נו, פארוואס זאל מען אלעס אפלאזן און זיך צווינגען ארויסצוגיין שאפינג? און נאך דערצו אויסגעבן געלט?

דעריבער, האלט פאר אייערע אויגן: ווען מ'זוכט "מציאות", דערלייגט מען אסאך מער! סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. ווייל ווי ביליג עס זאל נאר זיין, איז אבער צו בלייבן אינדערהיים גענצליך אומזיסט!

מיר רעדן נישט פון ווייטע חששות, פון וואס עס "קען" אלץ פאסירן... מיר ווייסן ליידער די אמת'ע פאקטן. אידן קומען אריין נאכ'ן זומער און בעטן זיך מיט טרערן אז מ'זאל זיי ארויסהעלפן! וואס איז געשען? אין די זומער וואכן זענען זיי געווען א "לייט" און געגאנגען שאפינג...

מסקנה

אויב דארפט איר נישט עפעס ספעציעל איינקויפן, נאר איר ווילט פשוט גיין שאפינג ווייל איר זוכט אביסל "הנאה"... דאן לייגט ענדערש אוועק דאס געלט אין א גמ"ח, אין באנק אדער אין סיי וועלכע אינוועסטמענט... אזא הנאה האלט זיך אסאך לענגער!!!...

דיסקוסירט אנליין